ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

קובץ

שלשלת האור

היכל תשיעי

שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

## ראש השנה

(חלק ב)

יוצא לאור על ידי מערכת

„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושבע לבריאה

# Likkutei Sichot

Copyright © 2026
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# ראש השנה

א. די משנה זאָגט אויף ראש השנה, אַז מצות היום בשופר[1].

עס איז פאַראַן אַ משל פון מורנו הבעל שם טוב[2] אויף דעם ענין פון

1) ראש השנה כו, ב.

2) געבראַכט אין המשך וככה תרל"ז אות ע.

שופר, אַז דאָס איז אַזוי ווי אַ בן שצועק אבא אבא הצילני (אַ קינד וואָס שרייט טאַטע, טאַטע, ראַטעווע מיר).

כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט דערציילט בשם פון די פריערדיקע רביים, אַז מען האָט אַמאָל אַרויסגעשיקט זאָגן דעם עולם אין בית המדרש, אַז דער

עיקר איז ניט אַזוי דער אבא אבא הצי־לני, נאָר דער צועק.

דער פירוש איז: עס זיינען דאָך דאָ אין דעם צוויי ענינים: א) די צעקה אַליין, ב) דער תוכן וואָס מען לייגט אַריין אין דער צעקה. איז דער עיקר ניט דער תוכן וואָס מען לייגט אַריין אין דער צעקה, נאָר די צעקה (געשריי) גופא[3].

אין דעם תוכן וואָס מען לייגט אַריין אין דער צעקה, זיינען ניט אַלע גלייך, אָבער אין דער צעקה אַליין, דאָס איז דאָך שייך צו יעדן אידן. יעדער איד איז צועק, בקלא פנימאה דאשתמע אָדער בקלא פנימאה דלא אישתמע, אָבער בנ־פשו פנימה איז ער דאָך צועק.

און דאָס איז דער ענין התקיעות, און דאָס ווערט נתקבל למעלה.

ווי עס איז פאַראַן דער משל פון הרה״ק הר״ר לוי יצחק באַרדיטשעווער, אַז אַ קינד האָט געוואָלט אַן עפל און דער טאַטע האָט אים ניט געוואָלט געבן, האָט דער קינד געמאַכט אויף גיך אַ ברכה, האָט שוין דער טאַטע געמוזט אים געבן דעם עפל.

וואָס דאָס איז דאָך בשעת דער טאַ־טע וויל ניט געבן, ומכל שכן אַז דער טאַטע וויל אים געבן און דאָס ניט געבן איז מער ניט ווי אויסצופרואוון דעם קינדס קלוגשאַפט, איז דאָך אַודאי אַזוי.

למעלה איז דאָך, אַז דער אויבער־שטער וויל געבן, ווי עס ברענגט זיך דער לשון[4]: יותר ממה שעגל רוצה לינק כו׳, אַזוי שטייט אויך דער לשון אויף למעלה: למעשה ידיך תכסוף[5], אַז דער אויבערשטער וויל מען זאָל אים דינען.

בשעת אידן מאַכן אַ ברכה שומע תרועת עמו ישראל, און ברחמים, וואָס על פי דין איז דאָך ספק ברכות להקל[6], איז אויב די אַנשי כנסת הגדולה האָבן אָפּגעפּסק׳נט אַז מען דאַרף מאַכן די ברכה, האָבן זיי ממילא אָפּגעפּסק׳נט, אַז דער אויבערשטער איז מקבל תרועת עמו ישראל — די צעקה פון אידן, וואָס דאָס איז דער ענין התקיעות — ברח־מים.

מצד דעם וואָס דער אויבערשטער איז מקבל תרועת עמו ישראל ברחמים, ווערט נמשך צו אַלע אידן, צו יעדן איינעם און איינע, אין אַלע ענינים וואָס זיי דאַרפן, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות בבני חיי ומזוני.

און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער גיט עס מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, במילא זיינען די בני חיי ומזוני וואָס ווערן נמשך — רויחי.

וואָס דאָס אַלץ ווערט נכלל אין דעם לשון לשנה טובה ומתוקה און קומט אַראָפּ אין גשמיות למטה מעשרה טפ־חים בטוב הנראה והנגלה.

ב. כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט זייער געהאַלטן פון קיצורים.

דער קיצור און נקודת התמצית פון די גאַנצע אַכט און פערציק שעה פון ראש השנה איז צוויי נקודות: אַ נקודה למטה און אַ נקודה למעלה.

3) זע ספר המאמרים — קונטרסים — ח״ב עמוד 642.

4) פסחים קיב, א.

5) איוב יד, טו.

6) שולחן ערוך אדמו״ר הזקן קפד, א. זע אויך אגרת התשובה פרק יא.

די נקודה למטה איז אַז אַ איד איז זיך משעבד צום אויבערשטן מיט אַ קבלת עול מצד דעם ענין המלכות, און די נקודה למעלה איז וואָס דער אויבער־שטער איז זיך, כביכול, משעבד צו אידן און זאָגט[7], ונתתי גשמיכם בעתם גו׳, מיט אַלע ענינים וואָס שטייען אין דער פרשה.

(משיחת יום ב׳ דר״ה, תשט״ז)

7) ויקרא כו, ד.